Rules and Regulations

FOR THE STAGE.

WRITTEN BY

Morris Finkel,

Artistic Manager and Regisseur.

טהעאטער אונד ביהנען רעגולאמענט

געשריבען פאן

מאָררעס פינקעל,

ארטיסטיק מענעדזשער ־אונד־ רעגיסאָר.

נויאָרק

דרוק פאן בראדי & צעלימער, ...06 ... סטריט,

1888.

52

טהעאטער אונד ביהנע
רעגולאמענט.
פיר אריענטאל טהעאטער, 113 & 113½ בויערי.

מ. זילבערמאַן, מענעדזשער. מ. פינקעל, רעגיססאר

אום אויך אין אונזערעם טהעאטער וויא אין יעדעם רעגולערען טהעאטער שטרענגע ארדנונג אין אללען בעציהונגען פעסט צו שטעללען, האבען וויר פאלגענדע ארטיקלען געמאכט, נאך וועלכען אללע צור ביהנע אנגעהערינגען פערזאנען זיך צו ריכטען פערפליכטעט זינד.

דיא פראבען.

ארטיקעל 1 יעדע אקטעריסע, אקטער, קאהריסטין אונד קאהריסט, זינד פערפליכטעט צו קאממען צור פּראָבע אין וועלכער צייט עס ווירד פון מענעדזשער אנגעציינט ווערען דורך איינער אויפשריפט אויף איינער טאַ־פעל אויף דער ביהנע, וועלכע אויפשריפט דארף פאן מענעדזשער אנגעשריבען ווערען בייא פארשטעללונג בעפאר דעם לעצטען אקט אונד בייא פראבע מיט איין האלבע שטונדע פאר ענדע דער פראבע אונד ווער עס האט ניט נעהטיג צו וואר־טען ביז ענדע דער פראבע אדער פארשטעללונג מוס אן מענעדזשער מינדליך פראגען ווען דיא נעכסטע פּראָבע ווירד שטאטפינדען.

ארטיקעל 2 עס איז שטרענג פערבאטען צו שרייבען אדער אויסלעשען פאן דער טאפעל אויף וועלכע דיא פּראבע ווירד אנגעקינדיגט — שטראפע פאן 25 סענט ביז 1 דאללאר.

ארטיקעל 3 פיר פערשפעטיגען איינע פראבע פאן 5 ביז 10 מינוטען לויט דער אנאנסירטער צייט — אונד זאגאר ווען מאן צו טהון האט אין דיא שפעטערע אקטען — איז פיר אקטעריסע אונד אקטער שטראפע 50 סענט. ביז 20 מינוטען ביז 1 דאל. ביז 40 מינוטען 1,50 דאל. אונד ביז איינע שטונדע 2 דאל. פאן איינע שטונדע ביז דיא גאנצע פראבע אויספעהלען איז ביז 5 דאללאר. גענעראל פראבען פערשפעטיגען אדער אויספעהלען איז דאס דאפעלטע לויט דיא אבענגע־שריבענע שטראפען, פיר קאהריסטין אונד קאהריסט איז דיא העלפטע לויט דיא אבינע שטראפע.

אַרטיקעל 4 גענעראַל פּראָבען הייסען דיא יעניגע וועלכע ווערען געמאַכט מיט 3 טאַגען פאָר דער ערשטער פאָרשטעללונג פאָן איינער נייער פּיעססע אדער פאָן איין אלטער שוין געשפּיעלטער פּיעססע דעם טאָג דער פאָרשטעללונג דיעזער פּיעססע.

אַרטיקעל 5 דיא פּראָבען ווערען אנגעצייגט אונד אויך שטראַפּירט נור דורך דער ביהנע אוהר.

אַרטיקעל 6 דיא צייט ווען דיא פּראָבע זאל געמאַכט ווערדען אונ אויך וויעפּיעל צייט בייא פּראָבע צו פערבלייבען איז נאך פערלאַנגען דעם מענעדזשער — פּיר קאַהר לויט זעהר קאָנטראַקט.

אַרטיקעל 7 ווען איינער אדער מעהרע פאָן דער קאָמפּאַניע פעהלען צור פּראָבע האט ניעמאַנד דאס רעכט זיך דארויף צו בערופען דאס דיא פּראָבע זאל ניכט געמאַכט ווערען, זאנדערען דיעזעלבע מוס געמאַכט ווערען — נאָך פערלאַנגען דעם מענעדזשער — אונטער אללע בעדינגונגען דיעזעס רעגולאַמענטעס.

אַרטיקעל 8 יעדער איז פערפּליכטעט צו קאָממען צו אללע פּראָבען מיט דער אנגעשריעבענער ראָללע אדער נאָטען וועלכע איהם צוגעטהיילט איזט. שטראַפע פאָן 25 סענט ביז 1 דאָללאַר.

אַרטיקעל 9 בייא פאָרלעזען איינע נייע פּיעססע זינד אללע אקטעריסען אונד אקטערע וועלכע האבען גרויסע אדער קליינע ראָללען — זאגאר פון איין אויפטריט — פערפּליכטעט צו קאָממען מיט דיא אנגעשריעבענע ראָללען וועלכע דער מענעדזשער האט זייא צו געטהיילט צו דער פאָרלעזונג אונד בייא דערזעלבער מוס זיך יעדער קאָרעגירען זיין ראָללע נאך דעם טעקסט. פיר פערשפּעטיגען איינע זאלכע פאָרלעזונג איז שטראַפע פאָן 25 סענט ביז 1 דאָללאַר, פּיר אויספעהלען ביז 3 דאָללאַר.

אַרטיקעל 10 עס איז שטרענג פערבאָטען צו רעפּעטירען מיט דער ראָללע אדער מיט דיא נאָטען אין דער האַנד בייא דיא פּראָבען וועלכע ווערען פון מענעדזשער אנגעצייגט אהנע דיעזעלבען צו רעפּעטירען, שטראַפע 25 סענט ביז 1 דאָללאַר.

אַרטיקעל 11 יעדער איז פערפּליכטעט בייא דער פּראָבע צו שטעהען אדער זיטצען וויא אונד ווען דער מענעדזשער אנצייגט אונד בייא אללע גענעראַל פּראָבען פאָן נייע אונד אלטע פּיעססען מוס יעדער זינגען זיין פּאַרטי אונד רעפּעטירען זיינע ראָללע מיט דעמזעלבען טאָן, בעוועגונג מימיק אונד פּאָזיציאָן וויא בייא דער פאָרשטעללונג (אויסנאַהמע שלעכט פּיהלען אדער דער מענעדזשער באַדערפט עס ניכט) שטראַפע 25 סענט ביז 5 דאָללאַר.

ארטיקעל 12 יעדער מוס געהארכען דיא בעמערקונגען פאן מענעדזשער וועגען מימיק, זינגען, בעוועגען, טאנצען, שפיעלען, שפרעכען, דעקלאמירען א. ד. ג. אונד אויך זאפיעל מאל בייא פראבע וויא אויך בייא פארשטעללונג, רעפעטירען דעם אקט, סצענע, אויפטריט, קופלעט, ראמאנסע, קאהר, דעקלאמאציאן, טאנץ, דועט, א. ד. ג. וויא פיעל מאהל פאן מענעדזשער פערלאנגט ווירד. שטראפע פאן 25 סענט ביז 3 דאללאר.

ארטיקעל 13 יעדער מוס בייא פראבע זיין ערינסט אונד אויפמערקזאם אויף אויף דיא רעפליקען צום איין אדער אויסגעהען, צו שטעהען אדער זיטצען אונד עס איז פערבאטען בייא פראבע דיא רוה צו שטערען מיט לאוט שפרעכען, לאכען, וויטצען זאגען, טאנצען, שפרינגען אדער קאמישע מימיק מאכען וועלכע עס געהער ניט צו דער פיעסע וועלכע מען רעפעטירט. שטראפע פאן 25 סענט ביז 2 דאללאר.

ארטיקעל 14 עס איז שטרענג פערבאטען דער פערזאן וועלכע רעפעטירט דאביי צו עססען טרינקען אדער רויכען, שטראפע 25 סענט ביז 1 דאל.

ארטיקעל 15 ניעמאנד האט דאס רעכט קיינע פרעמדע, בעקאנטע, קינדער — פרעמדע אדער אייגענע — עלטערן אנפערוואנדטע אדער זאגאר איין אייגענע פרויא אדער מאנן וועלכע אין דיעזער קאמפאניע ניכט בעטהייליגט איזט אדער אקטערע, אקטעריסען, קאהריסטינען פון איין אנדער קאמפאניע, מיט צו ברענגען צו דער פראבע אדער פארלעזאונג דער פארשטעללונג אויף דער ביהנע, גארדיראבען אדער אין טהעאטער, שטראפע פאן 25 ס. ביז 3 דאל.

ארטיקעל 16 אין דער צייט פאן פראבע ווער עס האט פויזע דארף ניט זיין אויף דער ביהנע זאנדערן אין טהעאטער אויף דיא טשערס זיטצען — דורכאויס ניט אין דיא באקסעס — אונד דארף זיך פערהאלטען גאנץ רוהיג, ניכט לאוט שפרעכען, לאכען, ווינקען, צייגען צו דיא וועלכע אויף דער ביהנע רעפעטירען, שטראפע 25 סענט ביז 1 דאללאר.

ארטיקעל 17 יעדער מוס בייא פראבע אונד פארשטעללונג מיט 5 מינוטען פריער זיין אויף דעם פלאטץ וואו ער דארף אויפטרעטען, שטראפע פאן 25 סענט ביז 1 דאללאר.

ארטיקעל 18 יעדער מוס בייא דיא פראבען וועלכע ווערען געמאכט מיט דעם קאהר דירעגענט זיך רוהיג אונד געהארכזאם האלטען אונד דארפען בעפאלגען דעם קאהר דירעגענט, שטראפע פאן 25 סענט ביז 2 דאללאר.

ארטיקעל 19 בייא פראבע מוז נאך יעדען אקט אדער נאך יעדע דרייפירטעל שטונדע געזאנגס פראבע איינע פויזע פאן 5 מינוטען שטאטפינדען.

ראָללען אַננעמען אונד שטודירען.

ארטיקעל 20 יעדע אקטעריסע אונד אקטער איז פערפליכטעט אנצונעממען דיא ראללען מיט אדער אהנע געזאנג וועלכע דער מענעדזשער זייא צוטהיילט (זעלבסטפערשטענדליך יעדען נאך זיין זשאנער אונד לויט זיין קאנטראקט) פיר רעפוזירען איינע ראללע איז שטראפע פאן 5 דאל. ביז 2 וואכען גאַזשע פערליערען אונד אויך נאך דעם וויללען דעם מענעדזשער קאן דער קאנטראקט מיט דער פערזאן וועלכע איינע ראללע רעפוזירט אנאלירט ווערדען.

ארטיקעל 21 יעדע קאריסטין אדער קאריסט זיינען פערפליכטעט צו זינגען דיא שטיממע אדער סאלא געזאנג וועלכע דער מענעזשער אדער קאהר־דיריגענט זייא צוטהיילט, שטראפע פאן 1 ביז 5 דאללאר, אונד ווען איינע קאה־ריסטין אדער קאהריסט איינע ראללע מיטשפיעלט איז דיא פערזאן פערפליכטעט זא־וויא אלע אַקטעריסען אונד אקטערע נאכצוקאממען אלע ארטיקעל דיזעס רעגולאמענטעס.

ארטיקעל 22 דאס שטודירען אונד פראבירען פאן יעדער נייער פיעססע מוס אויף פאלגענדער ארט זיין: עס מוז יעדען געגעבען ווערען זיינע ראללע אנגעשריבען אין יודישער שפראַכע איין טאג שפעטער מוס איינע פארלעזונג שטאטפינדען, דאן מוסען געמאכט ווערען 3 פראבען מיט דער ראללע אין דער האנד צוהאלטען אונד 3 פראבען אהנע דיא ראללען אין דער האנד צו האלטען נור מיט דיא פאזיציאנען אונד דאן 3 גענעראל פראבען מיט פאלשטענדינער מימיק בעטאנונג אונד פאזיציאנען בייא מוזיק פראבען איז לויט איינזעהען דעם מענעדזשערס.

ארטיקעל 23 דיא צערשריבענע ראללען אדער נאטען פאן יעדער נייער אונד אלטער פיעססע מוס יעדער צוריק געבען אן מענעדזשער דעם 2טען טאג נאך דער ערשטער פארשטעללונג דיזער פיעססע דיזעלבען מוססען צוריק געגעבען ווערען ריין ניכט פערפלעקט אדער פעריסען, שטראפע 25 סענט ביז 2 דאל.

ארטיקעל 24 יעדער מוס קענען זיינע ראללע ביז צור ערשטער גענעראל פראָבע אונד דארף דעם סופלער ניט צווינגען איהם צו סופליערען פאן יעדען זאטץ מעהר וויא דיא העלפטע, שטראַפע פאן 25 סענט ביז 3 דאללאר.

ארטיקעל 25 עס איז שטרענג פערבאטען צו קירצען אדער צו זעטצען אין איינע ראָללע אדער געזאנג — זאגאר אויף איינער ציילע — אהנע ערלויבניס דעם מענערזשערס, שטראפע פאן 25 סענט ביז 10 דאללאר.

ארטיקעל 26 ווער עס ווירד בייא דער ערשטער גענעראל פראבע ניכט וויסען זיינע רעפליקען צום אריין אדער ארויס־געהען וויא שטעהען אדער

זיטצען א. ד. ג. איז פיר יעדען פעהלער 25 סענט, 2טע גענעראל פראבע 50 סענט לעטצטע גענעראל פראבע 75 סענט, בייא דער פארשטעללונג פון 1 דאל. ביז 2 דאל.

ארטיקעל 27 ווען יעמאנד פאן דיא אקטעריסען אדער אקטערע ווירד ערקראנקט זא האט דער מענעדזשער דאס רעכט דיא ראללע אדער געזאנג איין אנדערען איבער צו געבען ביז דיא פערזאן געזונד ווירד אונד דאן מוס יעדער צוריק זיינע ראללע אננעמען, זאנסט איז שטראפע לויט ארטיקעל 20 אין דיזען רעגולאמענט.

ארטיקעל 28 ווען דורך איין דרוק פעהלער אין פראגראם זיינען דיא ראָללען פערוועקסעלט געווארדען האט ניעמאנד דאס רעכט זיך דארויף צו בערופען זאָנדערן יעדער מוס זיינע ראללע שפּיעלען וועלכע ער האט שטודירט אדער געשפּיעלט, גענענפאל שטראפע לויט ארטיקעל 20 פאן דיזען רעגולאמענט.

ערקראַנקונגען.

ארטיקעל 29 נור קראנק זיין קען ענטשולדיגען פערשפּעטיגען אדער אויספעהלען איינע אדער מעהרערע פראָבען אדער פארשטעללונגען, ווען איינער פיהלט זיך קראנק מוס ער זאָפארט אן דעם מענעדזשער אנצייגען אונד דאבייא אויך ערקלערען צו ער וועט אימשטאנדע זיין צו שפּיעלען אדער זינגען, ווער עס ניכט באלד מעלדעט זיין ערקראנקען שטראפע פאן 50 סענט ביז 10 דאללאר.

ארטיקעל 30 יעדער וואס דורך זיין ערקראנקונג ווירד אויספעהלען צו איינער אדער מעהרערע פראבען האט דער מענעדזשער דאס רעכט בייא דעמזעלבען צו פאָרדערען איינע בעשטעטיגונג פאן 2 הויפּטמיטגליעדער דער קאמפּ. וועלכע דער מענעדזשער ווירד אויסוועהלען דאס ער ווירקליך קראנק וואר אונד וואר ניכט אימשטאנדע צור פראבע צו קאממען אונד ווען עס איבערצייגט ווירד דאס יעמאנד האט זיך פאלש קראנק געמעלדעט זא איז דיא שטראפע פיר יעדער אויסגעפעהלטע פראבע פאן 1 דאללאר ביז 20 דאללאר.

ארטיקעל 31 יעדער וועלכער דורך זיין ערקראנקונג ווירד אויספעהלען צו איינער אדער מעהרערע פארשטעללונגען האט דער מענעדזשער דאס רעכט פאן דעמזעלבען איינע בעשטעטיגונג פאן דעם טהעאטער דאקטאר צו פאָרדערען דאס ער ווירקליך זא קראנק איזט דאס ער איזט ניכט אימשטאנדע מיטצווירקען אונד ווען דער טהעאטער דאקטאר ערקלערט דאס דיא פערזאן איזט אימשטאנדע מיטצווירקען זא מוס דיעזלבע מיטווירקען אונטער אללע רעגלען פאן דיעזען רעגולאמענט זאנסט איזט שטראפע פאן 10 דאל. ביז 2 וואכען גאזשע פער־

ליערען אונד נאך דעם ווילען דעס מענעדזשער קען דער קאָנטראַקט מיט דער פּערזאָן אַנולירט ווערדען, בייא קאָהר שטראַפּע פון 2 דאללאר ביז 1 וואָך גאַזשע.

ארטיקעל 32 האט זיך איבערצייגט דורך דעם טהעאטער דאקטאר דאס איין מיטגליעד דער קאמפּ. איזט ערקראנקט ווארדען דורך שכרות אדער דורך סקאנדאלען, געשלעגערייען אין דער סטריט, אין טהעאטער אדער דורך הויז־ליכע צאנקערייען אונד דיא פּערזאָן קען דאדורך צור פּראבע ניכט קאָמען, זא איז שטראַפּע פיר יעדער פּראבע אויספּעהלען פאן 50 סענט ביז 3 דאללאר, קאָהר דיא העלפטע, איז אבער דיא פּערזאן דאדורך ניכט אימשטאנדע צו שפּיעלען אדער זינגען זא פּערלירט דערזעלבער דאס רעכט אויף גאַזשע צו פּערלאַנגען אונד איינע שטראַפּע פאן 5 ביז 25 דאללאר צו צאהלען מוסען, אונד אויך נאך דעם ווילען דעס מענעד־זשער קען דער קאנטראקט מיט דער פּערזאן אנולירט ווערען, קאָהר שטראַפּע פאן 1 דאללאר ביז 5 דאללאר אונד קיין געהאלט בעקאָממען.

ארטיקעל 33 ווען איין מיטגליעד דער קאמפּ. ערקראנקט אונד קען ניט מיט־ווירקען האט דיעזעלבע דאס רעכט נור דיא ערשטע וואכע איהר פאָללעס געהאלט אונד דיא צווייטעס וואָכע נור האלבעס געהאלט צו פּאָרדערען, (בייא האלדז קראנקהייט אדער הייזעריג ווערען איז דיא ערשטע 14 טאגען פאָללעס געהאלט אונד דיא אנדערע 14 טאגען נור האלב געהאלט) אונד נאך אבלויף דער צייט אונד דיא פּערזאן קען ניכט מיטווירקען זא האט דער מענעדזשער דאס רעכט דעם קאנטראקט מיט דער פּערזאָן צו אנולירען.

דיא צייט פון אָנטהאן.

ארטיקעל 34 יעדע אקטעריסע אונד אקטער זיינען פּערפּליכטעט צו קאָממען אויף דער ביהנע 1 אונד א האלב שטונדען פאר דעם אנאָנסיר־טען אנפאנג — קאָהר מיט 1 שטונדע — אונד בייא איינער נייער פּיעססע צו דיא ערשטע 2 פאָרשטעללונגען מיט 2 א האלב שטונדע פיר דעם אנאָנסירטען אנפאנג — קאָהר מיט 1 א האלב שטונדע — אונד יעדער מוס זיין פאָללקאָממען אָנגעצוי־גען, גרעמירט, פריזירט אונד שוך געפּוצט מיט א פירטעל שטונדע פאר דעם אנאָנ־סירטען אנפאנג, שטראַפּע פאן 50 סענט ביז 3 דאל. — קאָהר פאן 25 סענט ביז 1 דאל. אונד ווער עס פעראורזאכט דאס פּערשפּעטיגען דעם אנפאנג דעס אקטעס איז עקסטרא פיר יעדער פּערשפּעטיגטער מינוטע א 1 דאללאר, קאָהר א 50 סענט.

ארטיקעל 35 ווער עס האט צו טאָהן אין דער 2טען אדער אין דיא אנדערע אקטען מוז מיט א האלבע שטונדע בעפאר זיין אויפטריט זיין פאָללקאָממען אנגעצויגען, גרימירט אונד פריזירט עטצ. געגענפאל שטראַפּע לויט

ארטיקעל 34 אונד פיר פעראורזאכען דעם פערשפעטיגען אנפאנגס דעס אקטעס אויך שטראפע לויט ארטיקעל 34 דעס רעגולאמענט.

ארטיקעל 36 דער אנפאנג דער פארשטעללונג, דיא צייט פאן זיך קאממען אנטאהן, אונד דאס שטראפירען איז נאך דער ביהנע אוהר.

ארטיקעל 37 יעדער אנטראקט מוס זיין העבסטענס פאן 3 ביז 5 מינוטען אונד בייא פיעלע ארבייט אויף דער ביהנע אדער קליידער אונד פריזור וועקסלען העכסטענס ביז 10 מינוטען אונד ווער עס ווירד דורך ניכט שנעלל איבער־טאהן אדער נאכלעססיגקייט פעראורזאכען דאס פערשפעטיגען דעם אנפאנג איינעס אקטעס איז פיר יעדער פערשפעטיגטער מינוטע שטראפע א 1 דאל., קאהר א50 סענט אונד ווער עס ווירד אבזיכטליך אדער דורך אינטריגען אדער סקאנדאל אויפהאלטען דעם אנפאנג איינעס אקטעס איז עקסטרא דיא אביגע שטראפע ווירד ער נאך אונטערוואָרפען איינע שטראפע פאן 3 דאללאר ביז איינע וואכע גאזשע, קאהר פאן 1 דאללאר ביז איינע האלבע וואכע גאזשע.

דיא האלטונג אויף דער ביהנע.

ארטיקעל 38 יעדער איז פערפליכטעט זיך אנצוטאהן אונד גרעמירען, פריזירען אין דיא גארדיראָבען וואס דער מענערזשער בעשטימט אונד צו יעדער צייט האט דער מענעדזשער דאס רעכט מעהר איינע פערזאן צו זעטצען אדער גענצליך דיא גארדעראָבען איבערצווועקסלען, שטראפע פאן 1 דאל. ביז 10 דאל.

ארטיקעל 39 עס איז שטרענג פערבאָטען פאר דעם אנפאנג דער פארשטעלונג אונד אין דיא אנטראקטען צו זיין אויף דער ביהנע אדער אין דיא קוליסען, זאנדערן יעדער מוז זיך געפינען אין דער פיר איהם בעשטימטער גארדע־ראבע ביז 5 מינוטען פאר זיין אויפטרעטען, שטראפע פאן 25 סענט ביז 1 דאללאר.

ארטיקעל 40 עס איז שטרענג פערבאָטען פאן פאר דער פארשטעללונג אונד אין דיא אנטראקטען צו טאנצען אויף דער ביהנע, קוליסען אדער אין דיא גארדעראָבען, שטראפע פאן 25 סענט ביז 1 דאללאר.

ארטיקעל 41 ווען עס פארקאמט בייא פארשטעללונג אדער פראבע אין איי־נער פיעססע צו שלאגען, בייסען, רייסען, קנייפען א. ד. ג. איז עס שטרענג פערבאָטען אין דער ווירקליכקייט דאס אויסצואיבען, שטראפע 25 סענט ביז 10 דאללאר.

ארטיקעל 42 עס איז שטרענג פערבאָטען אין איינענעם רעוואָלווער פיסטאל שווערד, דאָלך א. ד. ג. אויף דער ביהנע צו בענוטצען, זאנדערן

דיזעלבען מוססען פאן פראָפּיטימאַן געהאַלט ווערען, שטראָפע פאן 1 דאלאר ביז 10 דאללאר.

ארטיקעל 43 יעדער מוז מיט 5 מינוטען פאר זיין אויפטרעטען זיין אין דיא קוליסען אונד בייא זיך האבען דיא אללע נעטהיגע פּראָפּיטע אונד רעקוויזיט זאכען, שטראָפע פאן 25 סענט ביז 1 דאללאר.

ארטיקעל 44 עס איז שטרענג פערבאָטען בייא דער פאָרשטעללונג וויא אויך בייא פּראָבע פאן דער דער ביהנע הערונטער צו שפּרעכען, לאכען, גערוסען, ווינקען, צייגען אונד שמייכלען צו דיא וועלכע אין טהעאטער זיך בעפינדען אויך ניכט צו דיא וועלכע אין דיא קוליסען זיך בעפינדען, געגענטהייל שטראָפע פאן 25 סענט ביז 2 דאללאר.

ארטיקעל 45 עס איז שטרענג פערבאָטען צו לאכען, לאָאט אדער שטיל שפּרעכען איינער צום אנדערען אויף דער ביהנע בייא פאָרשטעללונג ווען עס דיא פּיעססע ניכט פאָדערט, שטראָפע 25 סענט ביז 2 דאללאר.

ארטיקעל 46 עס איזט ניכט ערלויבט אין דער צייט פאן 1 אונד אַ האלב שטונדע פאר דער פארשטעלונג ביז איבער דער פארשטעלונג צו שיקען יעמאנדען דורך דעם טהעאטער בריינגען עססען, טרינקען אדער צום רויכען שטראָפע 25 סענט ביז 1 דאללאר.

ארטיקעל 47 ניעמאנד האט דאס רעכט צו צווינגען דעם סופלער ער זאל הויך סופלערען אדער ער זאל אנצייגען יעמאנדען זיין אויפטריט אדער זיין אבגאנג, אויך האט ניעמאנד דאס רעכט דעם ליעדער צו צווינגען ער זאל איהם דעריזשירען אדער איהם בעפעהלען וועלכע שטיממע ער זאל מיט איהם מיט־שפּיעלען זאנדערן דאס בלייבט נאך אנזעהען דעם מענעדזשערס.

ארטיקעל 48 יעדער מוס אויף דער ביהנע בייא פאָרשטעללונג זאָ לויט שפּרעכען אדער זינגען דאס ער זאל פאן דעם פּובליקום פערשטאנען אונד געהערט ווערען, געגענפאל שטראָפע פאן 25 סענט ביז 5 דאללאר.

ארטיקעל 49 יעדע אַקטעריסע אונד אקטער זיינען פערפליכטעט נאך יעדען אויפטריט אדער אקט אויסצוווארטען אין דיא קוליסען אונד ווען מאן ווירד פאן דעם פּובליקום גערופען מוס מאן זאָ פּיעל מאל פיר דאס פּוב־ליקום ערשיינען וויעפיעל מאהל דער מענעדזשער פערלאנגט, געגענפאל שטראָפע פאן 50 סענט ביז 3 דאללאר.

ארטיקעל 50 עס איז שטרענג פערבאָטען בייא דער פּראָבע אונד פאר דעם אנפאנג אונד בייא דער פאָרשטעללונג אונד אין דיא

אנטראַקטען הויך צו שפּרעכען, לאַכען, זינגען אָדער קלאַפּען, ווען עס די פּראָבע אָדער פאַרשטעללונג ניכט פאָרדערט. שטראַפע פאָן 25 סענט ביז 2 דאָללאַר.

אַרטיקעל 51 עס איז שטרענג פערבאָטען יעדען — אָהנע אויסנאַהמע — צו שטעהען אָדער זיטצען אין די קאַליסען אָדער אונטער איינער דעקאָראַציאָן ביי פּראָבע אָדער ביי פאַרשטעללונג, נור דעם יענינגען איז עס ערלויבט צו שטעהען ווער עס האָט ביז אין 5 מינוטען אויפצוטרעטען, דער זעלבע מוס שטעהען גאַנץ רוהיג ניכט לאָט שפּרעכען, לאַכען, ווינקען, צייגען צו די וועלכע זיך אויף דער ביהנע בעפינדען אונד אויך ניכט צו די וועלכע מיט איהם מיט שטעהען אונד דאַרף זאָ שטעהען ער זאָל פאָן דעם פּובליקום ניט געזעהען ווערען, אונד דאַרף אויך ניט דורכקוקען דורך איינער קוליסע, טהיר פענסטער, אָדער שפּאַרינע פון א קוליסע אָדער דעקאָראַציאָן, גענענפאַל שטראַפע פאָן 25 סענט ביז 2 דאָללאַר.

אַרטיקעל 52 עס איז שטרענג פערבאָטען אריין צו קאָממען מאָנער אין די פרוין גאַרדעראָבען, אָדער פרויען אין די מאָנער גאַרדעראָבען נור דער מענעדזשער, רעזשיסאָר, פּרוזירער אונד שניידער האָבען דאָס רעכט — מיט ערלויבנעס אַנצופראָגען — אריין צו קאָממען אין די פרויען גאַרדעראָבען שטראַפע 25 סענט ביז 3 דאָללאַר.

אַרטיקעל 53 דאָס שפּרעכען דאָס בענעהמען אונד די האַלטונג פאָן יעדעס מיטגליעד דער קאָמפּאַניע מוס דורכאויס צו יעדער צייט גאַנץ שטילל, פריינדליך, רעספּעקטפאַלל אונד אַנשטענדיג זיין, איבערהויפּט נעגען פרויען, גענענפאַל שטראַפע פאָן 25 סענט ביז 3 דאָללאַר.

אַרטיקעל 54 עס איז שטרענג פערבאָטען ארויף צו ברענגען אויף דער ביהנע גייסטיגע געטרענקע אָדער זאַלכעס עססענוואַרג וועלכעס גיעבט א שלעכטען גערוך אויף דער ביהנע, אָדער אין די גאַרדעראָבען, נור דורך א בעזאָנדערן צופאַל אונד מיט ערלויבניס דעם מענעדזשער, קען מען ארויף בריינגען — מיט דער אונטער טהיר דער ביהנע — 1 גלאָז ביער, וויין אָדער שנאַפּס. גענענפאַל שטראַפע פאָן 25 סענט ביז 1 דאָללאַר.

אַרטיקעל 55 עס איז שטרענג פערבאָטען — יעדען אָהנע אויסנאַהמע — צו קאָממען, בעזויפען אָדער בעטרונקען אין טהעאַטער אָדער אויף דער ביהנע, גאַרדעראָבען אָדער קוליסען, צו דער פּראָבע אָדער צור פאָרשטעלונג ווען אויך דער זעלבער ביי דער פּראָבע אָדער דער פאַרשטעללונג ניכט מיטצווירקען האָט. גענענפאַל שטראַפע פאָן 1 דאָללאַר ביז 15 דאָל. פעראורזאַכט אָבער דערזעלבער דורך זיין פערטרינקען איינען סקאַנדאַל אין טהעאַטער, אָדער אויף

דער ביהנע, זא איז עקסטרא דיא אָביגע שטראפע, איז נאך דעם ווילען דעם מע־
נעדזשער קען דער קאנטראקט מיט דעמזעלבען אנולירט ווערדען.

ארטיקעל 56 עס איז שטרענג פערבאטען צו יעדער צייט אונד אויף יעדען
פלאטץ אין דעם הויז צו שפיעלען אין קארטען. דאמינע א.ד.ג.
גענענפאלל שטראפע פאן 50 סענט ביז 3 דאללאר.

ארטיקעל 57 עס איז שטרענג פערבאָטען צו יעדער צייט אונד אויף יעדען פלאטץ
אין דעם טהעאטער הויז זיך צו צאנקען, שטרייטען, שימפפען,
סיקירן, בעלעדיגען אדער שלאָגען. געשיהט אבער זא איין פאלל זא מוס דיא בע־
לעדיגטע אדער געשלאָגענע פערזאן דאס קלאגען אן דעם מענעדזשער אונד מיט
איינער בעשטעטיגונג פאן איינעם אדער מעהרערע צייגען ווירד דיא שולדיגע פער־
זאן, אדער אללעביידע פערזאָנען איינע שטראפע פאן 1 דאללאר ביז 10 דאללאר
צאהלען מוססען. טרעפט דאסזעלבע בייא פאָרשטעללונג זא איז דיא שטראפע
דאָפעלט, איז אבער דורך דיא שטרייטיקייטען געשלאגערייען א. ד. ג. ענטשאנדען
איין עפענטליכער סקאנדאל בייא פראָבע אדער פאָרשטעללונג אויף דער ביהנע,
גארדיראבען, קוליסען אדער אין טאעאטער, זא איז דיא שטראפע פיר דעם וואס
האט פעראורזאכט דעם סקאנדאל אדער פיר אללעביידע פאן איינע ביז צווייא
וואכען געהאלט פערליערען, אונד נאך דעם ווילען דעם מענעדזשער קען דער קאָנ־
טראקט מיט דיא פערזאָנען אנולירט ווערען.

ארטיקעל 58 יעדער אקטעריסע,עקטער,קאָריסטין אדער קאָריסט ווען זיי האבען
בייא איינער פאָרשטעללונג ניכט מיט צווירקען אויף דער ביהנע
מוססען יעדאָך דיעזען אבענד מיט 1 שטונדע פאר דעם אנאנסירטען אנפאנג זיך
מעלדען אויף דער ביהנע אן מענעדזשער (דען פיעלייכט מוס דורך בעזאנדערען צו־
פאל דיא פיעססע אדער דיא ראָללען געוועקסעלט ווערדען) פיר פערשפעטיגען אדער
אויס פעהלען זאלכע מעלדונג איז שטראָפע פאן 1 דאללאר ביז 10 דאללאר, קאהר
פון 50 סענט ביז 3 דאללאר, ווער עס פיהלט קראנק מוס דאס מיט 2 שטונדען פאר
דעם אנפאנג זאגען לאססען דעם מענעדזשער זאנסט איז שטראפע לויט ארטיקעל 29 פיר
פאלש קראנק מעלדען איז שטראפע לויט ארטיקעל 30 ד. ר. אויך מוס יעדער בייא דיעזער
מעלדונג מינדליך דעם מענעדזשער פראגען ווען דיא נעכסטע פראבע ווירד שטאטפינדען.

ארטיקעל 59 יעדער וועלכער האט בייא איין פארשטעללונג מיט צווירקען
נור בייא איינער אדער מעהרערע סצענען אדער אקטען דאר־
פען דיעזען אבענד פאן ענדע זעהר אויפטריט ביז איבער דער פארשטעללונג ניכט
מעהר אין טהעאטער אדער אין דער האללע אריין קומען, זאנדערען זייא מוסען נאך

הויזע געהען אדער אין זייערע גארדעראבען זיטצען ביז ענדע דער פארשטעללונג. גע־גענפאל שטראפע פאן 25 סענט ביז 3 דאללאר, קאהר ביז 1 דאללאר.

ארטיקעל 60 יעדע אקטעריסע, אקטער, קאהריסטין אונד קאהריסט, וועלכע האבען בייא איינער פארשטעלונג ניכט מיט צו ווירקען דארפען דיזען אבענר פון דרייא פיערטעל שטונדע פאר דעם אנפאנג ביז איין פירטעל שטונדע נאך דער פארשטעלונג גאנצליך אויף דער ביהנע ניכט ארויף קאממען, אונד ווער עס וויлל דיא פארשטעלונג בייאוואהנען מוס זיך אין אפפיס א פעס נעממען מיט א בע־שטימטעס פלאץ, אונד דארף זיין פלאץ ניכט וועקסלען, אונד ווען קיינע דא זינד, מוס ער שטעהען, ער זאלל נימאנדען שטערען, אונד דארף אין טעהאטער זיין רוהיג ניכט ארויף רעדען, לאכען, גריסען, צייגען, ווינקען אויף דער ביהנע, אונד דארף ניכט אפלאדירען, אונד דארף זיין פלאטץ ניכט פערלאססען ביז ענדע איינעס אקטעס, (אויסנאממע דורך בעזונדערן צופאלל). שטראפע פאן 25 סענט ביז איין דאללאר.

ארטיקעל 61 יעדעו איז פערפליכטעט אנציעהען דיא קליידער אדער טעהאטער געגענשטאנדע אונד פריזור וועלכע אונד וויא זא דער מענעדזשער אנציינט (אויך זאגאר איינענע הײנטמאדישע קליידער) אונד זיך זא פריזירען גרעמירען וויא דער מענעדזשער אנצייגט, אונד ניעמאנד האט קיין רעכט אויס צו זעטצען פעהלער אויף דעם שטאף, דער מאס, דער פארבע, פארמע אדער עפאקא, ווען יעמאנד ווירד רעפוזירען זיך זא איינציהען, גרעמירען, אדער פריזירען אין שטראפפע פאן 2 דאללאר ביז 2 וואכען גאזשע, קאהר דיא העלפטע.

ארטיקעל 62 יעדע פאן דיא פרויען מוז האבען אייגענע הײנטמאדישע קליידער 1 פאר ווייסע 1 פאר שווארצע האלבשוך, בלוממען, קרעלען, שמוק, הארנאדעל, זאקען, ווייסע אונטערראקע. יעדער פון דיא מאננער מוז האבען אייגענעם שווארצען אנצוג, שווארצע לאק האלבשוך, ווייסעם העמד אונד ווייסעם האלז־טוך. גענענפאלל שטראפפע פון 25 סענט ביז 3 דאללאר.

ארטיקעל 63 נימאנד פון מאנער פערזאנאל דארף קיינען רונדען, באקען־שפאנקע בארד טראגען דיא אקטערע וועלכע טראגען אימער רעזירט דעם שנור־בארד דארפען אין דער גאנצער צייט דעס סיזאנס דיעזעלבען זיך רעזירען לאססען, יעדער מוז זיך רעזירען לאססען אם וועניגסטענס 3 מאהל דער וואכע, אויך דארף ניעמאנד דער מאנער קיין לאנגעס האאר טראגען. שטראפפע פאן 25 סענט ביז 25 דאללאר.

ארטיקעל 64 עס איז שטרענג פערבאטען דעם פרויען פערזאנאל קורצעס האאר צו טראגען, אונד ווען דורך איינע קראנקהייט אדער

בעזאנדערן צופאל איז זיא געצוואונגען דאס האאר קורץ צו טראגען, זא מוז דיא זעלבע 3 פיינע פערשידענפארביגע פרוינן פאריקע אויף אייגענע רעכנונג זיך מאכען לאססען— איינע קאריסטין ברויך נור 1 פאריקע. נעגענפאל דארף זיא אויף דער ביהנע ניכט שפיעלען, אונד קיין געהאלט בעקאממען ביז דאס האאר ווידער לאנג וואקסט, אונד נאך דעם ווילען דאס מענעדזשער קען דער קאנטראקט מיט דער פערזאָן אנולירט ווערען.

ארטיקעל 65 יעדער דארף אבאכטגעבען ניכט צו שטערען דיא ריינליכקייט פון דיא גארדיראבען ביהנע, אונד וואטער־קלאזעטס, אונד עס איז פערבאטען אריין צוווארפען אין דיא וואטער־קלאזעטס אדער אין וואש־קאסטען זאלכעס וואס קען פערשטאפּפען דעם וואססער־לויף דערזעלבען. שטראפע פאן 25 סענט ביז 2 דאללאר.

ארטיקעל 66 עס איז שטרענג פערבאטען צו טראגען אויף דער ביהנע שיך מיט סקריפּ שטראפע פאן 25 סענט ביז 1 דאללאר.

ארטיקעל 67 יעדער מוז דעם מענעדזשער איינצייגען זיין ריכטיגע וואָהנונג, אדרעססע אונד ווען יעמאנד איבערמופט מוס ער דאס אן מענעדזשער אנצייגען. שטראפע פאן 25 סענט ביז 1 דאללאר.

קליידער, פריזור, רעקוויזיטע, בוטאפאר, האנציען אונד אָפּהיטען.

ארטיקעל 68 יעדער אקטעריסע אונד אקטער מוס דער שניידער פאר בערייטען אללע קליידער פיר דער פארשטעלונג אין דעם גארדיראב וויא דיא פערזאָן זיך אנציעהט, רעקוויזיטען פריזור אונד פראפּיטי זאכען מוססען פאר יעדער אקט יעדען געגעבען ווערען. קאהריסטין אונד קאהריסט מוסען זיך דיא קליידער א.ד.ג. פיר דער גאנצער פארשטעלונג אליין פאָרבערייטען, אונד יעדער מוס אבאכט געבען דאס דיא אללע טעאאטער זאכען זאָללען אימער זיין אויפגעהאנגען בייא דעם פּלאטץ וואו מאן זיך אנציעהט אונד דארף זיינע אייגענע קליידער ניכט ארויף היינגען אויף דיא טעהאטער זאכען. שטראפּפע פאן 25 סענט ביז 2 דאללאר.

ארטיקעל 69 בייא דער ערשטער פאָרשטעלונג פון יעדער נייער אונד אלטע פיעססע מוז זיך יעדער אויף דיא פיר איהם בעשטימטע טעהאטער קליידער אדער אנדערע געגענשטאֶנדע איין צייכען מאכען אדער זיין נאמען

שרייבען אויף זאָ איין ארט עס זאלל דאס קלייד אדער געגענשטאנד ניכט פעררייסען אדער פארפלעקען. שטראפע פאן 25 סענט ביז 1 דאללאר.

ארטיקעל 70 עס איז שטרענג פערבאָטען מיט איין טעהאטער קלייד אדער געגענשטאנד זיך אָפּווישען אדער מיט דעם נאך הויזע געהען.
אויך איז יעדער פערפפליכטעט זיך צו ערשט אויס טהון אונד אויפהענגען אללע טעהאטער זאכען אונד דאן זיך אָבווישען דיא פארבען אדער אבוואשען. שטראפע 25 סענט ביז 1 דאללאר.

ארטיקעל 71 עס איז שטרענג פערבאָטען אויס צושמירען מיט פארב, פעטען, פודער, בעלילע א. ד. ג. דעם טיש זעסעל דיא וואנד אדער דיא באנק אין גארדיראבען קוליסען אדער ביהנע. שטראפע פאן 25 סענט ביז 1 דאללאר.

ארטיקעל 72 עס איז שטרענג פערבאָטען דיא טעהאטער קליידער אדער געגענשטענדע אנידער לעגען אויף דעם טיש זעסעל אדער בריק, זאנדערן זייא מוססען אימּמער זיין אויפגעהאנגען בייא יעדען אין זיין גארדיראבע, אויך איז פארבאטען קליידער אדער אנדערע טעהאטער זאכען איבער צו לאזען אויף דער ביהנע אדער קוליסען, אויך איז פערבאָטען מיט דיא טעהאטער זאכען זיך אנידער צו לעגען אונד ווען מאן אין דיא גארדינען זיטצט מוז מאן דאס טעהאטער קלייד אדער געגענשטאנד אָפּ היטען עס זאל ניכט געקנייטשט, פעריסען אדער געפלעקט ווערען. שטראפע פאן 25 סענט ביז 2 דאללאר.

ארטיקעל 73 ווען יעמאנד פעררייסט, פערפלעקט, פערברענט, פערנעצט אדער פארדארבט איין טעהאטער קלייד בוטאפאר, רעקוויזיט, דעקאָראציאן אדער ביהנע געגענשטאנד אדער פריזור זאכען, זאָ איז דער זעלבע פערפליכטעט צו בעצאהלען דעם שאדען לויט פערלאנגען פון מענעדזשער אונד דאס קלייד א. ד. ג. בלייבט צוריק פיר דאס הויז.

ארטיקעל 74 יעדער איז פערפליכטעט דיא פריזור געגענשטאנדע אפצוהיטען זייא זאללען ניכט פארדאָרבען ווערען, יעדע אקטאריסע אונד אקטאָר מוזען דיא זעלבע בייא זיך אין גארדיראָב אויפהענגען, אונד קאהריסטין אונד קאהריסט מוססען דיא פריזור אייגענהענדיג דעם פריזירער איבער געבען אדער בייא דעם פריזירער אין גארדיראָב לעגען. שטראפע פאן 25 סענט ביז 5 דאל.

ארטיקעל 75 ניעמאנד דארף בייא דעם פריזירער פערלאנגען ער זאלל אויס-נאממע מאכען מיט איהם, פריעהער פריזירען אדער גרעמירען

וויא איין אנדערן, זאנדערן עס מוז געהן נאך דער רייע, ווער עס איז פריער פערטיג דאצו, אויך בייא דעם שניידער איז דער זעלבער פאלל.

דאס רויכען אונד ליכט לעשען.

ארטיקעל 76 עס איז שטרענג פערבאָטען צו רויכען אויף דער ביהנע, קוליסען אונד גארדיראבען בייא פראָבע וויא אויך פאר־בייא אונד נאך דער פאָרשטעלונג. שטראפפע פאן 25 סענט ביז 5 דאללאר. אונד ווען דער פייער מאן ערווישט יעמאנדען רויכען אונד דאס הויז מוז איינע געלד שטראפע צאהלען זא פאלט דיזעלבע אויף דעם שולדנער.

ארטיקעל 77 יעדער איז פערפפליכטעט דיא ליכט אויס צו לעשען אונד אויך דיא גאז איינצוציען אין דער צייט ווען ער האט זיך ניכט צו גרעמירען אדער איבער צו טהון— דאס ליכט מוז אימּמער אין איינען לייכטער זיך געפינען— מאן דארף דורכאויס ניכט לאססען דאס ליכט ברענען אהנע דאבייא צו זיין, אויך איז פערבאטען איבער דאס ליכט אדער גאז, קליידער אדער אנדערע געגענשטאנדע צו הענגען, אונד ווען מען אויף דער ביהנע פארקאממט מיט ליכט אדער אנדערע פייער געגענשטאנדע, זאָ מוז מאן זעהר פארזיכטיג זיין עטוואס ניכט אנצינדען. געגענפאלל שטראפפע פאן 25 סענט ביז 2 דאללאר.

פערשידענעס.

ארטיקעל 78 דער סופלאָר מוז קאמען צור פראבע אדער פארלעזונג מיט איין פירטעל שטונדע פאר דער בעשטימטער צייט אונד צור פארשטעלונג מיט דרייא פירטעל שטונדע פאר דעם אנפאנג— דארף זיך געפינען אין סופלאר קאסטען מיט 2 מינוטען פאר אנפאנג איינעס אקטעס— בייא פראָבירען אדער בייא שפיעלען דארף ער ניכט עססען, טרינקען, אדער רויכען, אדער לאכען, אונד דארף ניכט זיין פערטרונקען בייא פראבע אדער פארשטעלונג— דארף ני־מאנדען בעליידיגען, שימפפען אדער שלאגען— זאָנדערן מוס אן מענעדזשער קלאגען. געגענפאלל שטראפפע פאן 25 סענט ביז 5 דאללאר. בייא קראנק זיין אונד אנדערע ארטיקלען פאן דיזען רעגולאמענט איז לויט דיא אקטערע.

ארטיקעל 79 דער מענעדזשער האט דאס רעכט צו יעדער צייט איינס אדער מעהרע ארטיקלען פאן דיזען רעגולאמענט צו ענדערען אדער גאנץ נייע צוזעטצען, מוס אבער דער קאמפאני דארויף אויפמערקזאם מאכען מיט 8 טאגע בעפאר דיזעלבען אין קראפט טרעטען.

ארטיקעל 80 ווען יעמאנד ניכט בעפאלגט איינעם אדער מעהר ארטיקלען פון דיעזען רעגעלאמענט אונד ווירד דאפיר שטראפירט מוז דער מענעדזשער דעם פערזאן בייא דער זעלבער פראבע אדער פארשטעלונג אנצייגען דאס זא פיעל שטראפפע מוז דיא פערזאן בעצאהלען.

ארטיקעל 81 דער מענדזשער פערזאָנליך האט דאס רעכט איבער דער פינקטליכער בעפאלגונג פאן דיזען רעגולאמענט צו בעאבאכטען אדער דאס איבערגעבען דעם רעזשיססאר— וואן דען מענעדזשער אדער רעזשיססאר בייא איינער פראבע אדער פארשטעלונג מיטווירקט מוז ער נאכקאממען דיא ארדנונג דער פראָבע אדער פארשטעלונג, אום ער זאלל נימאנדען שטערען נאכצוקאממען דיא בעפאלגונג אונד דיא ארדנונג פון דיזען רעגולאמענט. —

ארטיקעל 82 דיא שטראפען ווערען אבגעצויגען יעדען האלבען מאנהייט פאן דעם געהאלט.

מ. זילבערמאן מענעדזשער.
מ. פינקעל רעזיססאר.

[redacted]